# דבר חריף

## פרשת ויקהל - שקלים

שנת תשפ"ד לפ"ק

נלקט משיעוריו של
הגה"צ ר' **יהושע העשיל שארף** שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

**בארה"ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231**

**לחורש"י 3.1.1.5.27 - לגמרא 3.2.2.14 - לשו"ע 3.3.6.28**

**בארץ ישראל 073.321.1792**

**מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע**
**אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134**

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה הדברים. ס'איז די וואך שבת שקלים. אור פניך עלינו אדון נשא, מ'זעט ביים אויבערשטען אז יעדעס יאר איז ער עומד וזוקף את ראשם, איז דער אויבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל מיטנעמען אלע השפעות פון שבת שקלים, און מיר זאלן קענען אויפהייבן די קעפלעך און מ'זאל נישט זיין אזוי פאכמארעט מיט אראפגעלאזטע נעזער און דינען דעם אויבערשטען בשמחה. ס'איז חודש אדר, שבת שקלים איז יעדע יאר דעמאלטס ווען מ'בענטשט חודש אדר, און ס'איז א חודש וואס מ'דארף זיין בשמחה איז פשוט אז מ'דארף אויפהייבן דאס קאפ און זיין בשמחה.

מטבע של אש. מַטְבֵּע איז די אותיות מִטֶבַע, מ'דארף זיך אפלערנען פון די טבע פון פייער, די טבע פון פייער איז, ווען ס'ברענט א פייער (ביי ביעור חמץ און ל"ג בעומר) [אגב: ס'שטייט אז פורים האט א שייכות מיט ל"ג בעומר], די פייער וואס ברענט ס'האלט אינאיין גיין אויף ארויף און ס'גייט צוריק אראפ, די פייער האלט זיך נישט גראד, ס'איז נישט אזוי ווי האלץ וואס ס'בלייבט שטיין, נאר ווען די פייער פלאקערט ברענט עס אויף ארויף און אראפ.

איז די זעלבע זאך איז, פון די מטבע של אש זעהט מען אז כי תשא את ראש מ'גייט זיך דערהייבן, מ'גייט גיין אויף די וועג וואס איז די סולם העולה בית קל צוצוקומען צו עפעס העכערס, וועט עס זיין אזוי ווי פייער וואס ס'גייט אויף ארויף און נאכדעם גייט עס צוריק אראפ. דאס איז די בחינה אין עבודת ה', ס'איז נישט אז ס'גייט און ס'פארט און אלעס גייט א מחיה, נאטירלעך גייט נישט גארנישט, מ'דארף אקערן מ'דארף ארבעטן אז ס'זאל שטענדיג גייען אויף ארויף, דאס איז מטבע של אש, וואס האט אויסגעפעלט א מטבע של אש דער אויבערשטער האט אים געקענט ווייזן א מטבע של נחושת, וואלט ער בעסער פארשטאנען וואס מ'דארף ניצן פאר די מחצית השקל. נאר מטבע של אש ווייזט אויף דעם ענין אז מִטֶבַע של אש, קוק אויף די טבע פון פייער, אז ס'גייט ארויף און אראפ, אזוי דארף מען צוגיין צו עבודת ה' אז כי תשא את ראש, ווען מ'גייט זיך דערהייבן, לראש, דארף

מען אויפהייבן דאס קאפ, און נישט גיין מיט א אראפגעלאזטע קאפ, נאר זיין וואך און לעבעדיג אין עבודת ה', און זיין אזוי ווי די שורש פון אש וואס דאס איז התלהבות דקדושה, און אויפהייבן די קאפ מיט ויגבה לבו בדרכי ה'.

כי תשא את ראש. 'ראש' איז אויך די אותיות 'שאר' דאס מיינט איבעריג. מ'דארף וויסן אז אסאך מאל איז דא א מענטש וואס טראכט: איך האב געטון דעי איבעריגע זאך און דעי איבעריגע זאך, אלע איבעריגע זאכן זענען כי תשא דארף מען זיי מעלה זיין און זאגן אז ס'איז מה' יצא הדבר, יעדע איבעריגע טריט וואס מ'האט געגעבן, יעדע איבעריגע ווארט וואס מ'האט געזאגט, און ס'זעט אויס אז מ'האט אנגעמאכט א חורבן, דארף מען וויסן וגם חרבונה זכור לטוב, דאס איז כי תשא את ראש.

אז עפעס ווערט פארברענט פון פייער קען מען שוין דאס נישט נוצן, מה שאין כן זאכן וואס ווערן קאליע פון וואסער קען מען אסאך אמאל דאס אויסטריקענען. 'עבר' איז די אותיות 'בער', בער איז א לשון פון פארלענדן, מ'דארף פארלענדן די עבר, נישט קוקן אויף די עבר נאר אלעס טון מיט שמחה וטוב לבב און דערפרייען דאס הארץ אז מ'האט די זכיה כי תשא את ראש און זיך דערהייבן.

ס'איז צוויי אדר'ס דארף מען זיך דערהייבן איינמאל און נאכאמאל. מרבין בשמחה, מרבין מיינט אז ס'איז דא א מיעוט אויך, און א מיעוט אחר מיעוט איז לרבות, דארף מען מער מרבה בשמחה זיין. דאס איז די ענין פון כי תשא את ראש.

מ'דארף וויסן די ענין פון מותרות דאס איז סיי זאכן וואס זעהן אויס איבעריג און סיי זאכן וואס זענען תאוות און זיך לאזן וואיל גיין און אזוי ווייטער דארף מען אויך מעלה זיין, און איינער וואס איז מוותר אויף מותרות, אזא איינער גייט מעלה מעלה אין עבודת ה', תורה גייט נישט צוזאמען מיט גשמיות, וואס ווייטער די ים איז פון די יבשה אלטס טיפער איז עס, ס'קומט צו ווייזן אז וואס ווייטער מ'איז פון די ארציות אלטס קען מען לערנען טיפער, אין מים אלא תורה (בבא קמא פב.), הוי כל צמא לכו למים (ישעיה נה, א), איז וואס ווייטער די ים איז פון די יבשה אלטס מיט א טיפערע השקפה אין תורה קען מען לערנען אסאך טיפער בעיון און אזוי ווייטער.

מ'דארף געדענקען די מחצית השקל אז יעדע איד איז א מחצית, האלב פון די ווארט שקל איז קס"ה דאס איז היסק ס'מיינט א פייער, און דאס איז ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, שטייט שפעטער ששת ימים תיעשה כל מלאכה, און שפעטער שטייט לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, און רש"י זאגט יש מרבותינו אומרים הבערה ללאו יוצאת ויש אומרים לחלק יוצאת. דארף מען פארשטיין פארוואס דווקא ביי מלאכת אש איז געזאגט געווארן ללאו יוצאת אדער לחלק יוצאת, פארוואס נישט ביי אנדערע מלאכות.

שטייט אין ספרים הקדושים אז ויקהל משה קומט מרמז זיין אז נישט יעדע איד קען מקיים זיין כל התורה כולה, א כהן האט נישט אלע מצות פון א ישראל און א ישראל האט נישט אלע מצות פון א לוי, איז ווי קען מען מקיים זיין כל התורה כולה? א כהן קען נישט מקיים די מצוה פון פדין הבן א לוי אויך נישט, עכ"פ נישט יעדע קען מקיים זיין כל התורה כולה, נאר דורך די כח האחדות, וואס כל ישראל ערבים זה לזה, און דורכדעם ווערן אלע אידן אויסגעמישט דעמאלטס קומט אויס אז יעדער איז משלים די חלק וואס א צווייטער קען נישט מקיים זיין און דורכדעם איז יעדער מקיים כל התורה כולה, אבער טאמער ח"ו ס'איז נישטא קיין אחדות קען מען נישט מקיים זיין כל התורה כולה.

שבת האט אין זיך די כח פון אחדות, שבת קומט ארויס די חלק פון אור פניך עלינו אדון נשא, די פוסקים זאגן אז שבת דארף מען נישט קיין פנים חדשות ביים שבע ברכות, ווייל שבת איז יעדער איינער א פנים חדשות א בחינה פון אור פניך עלינו אדון נשא, און ס'קומט אויך צו די חלק פון התלהבות און שמחה אין שבת, און דאס איז די הבערה ללאו יוצאת אדער לחלק יוצאת, פונקט ווי די מלאכת לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, ווייל שבת איז די בחינה פון אש, וואס דאס שטארקט זיך ארויס אין שבת דארף די תורה אנזאגן לא תעברו אש בכל מושבותיכם ביום השבת, איז יש מרבותינו אומרים הבערה ללאו יוצאת, די כח פון הבערה, די כח פון אחדות וואס אחד איז מדליק את השני איז ס'איז דא וואס זאגן ללאו יוצאת ס'ברענגט אריין די כח אז יעדער איינער איז משלים איינער פאר'ן צווייטן די תרי"ג מצות וואס דאס איז א

פראקטישע זאך, און חוץ פון דעם זאמעלט מען זיך אן מיט די כח פון אחדות און שמחה אויף א גאנצע וואך אז מ'זאל נישט זינדיגן אויף אלע זאכן וואס מ'טאר נישט טון יוצאת ללאו גייען אוועק פון הבערה, ויש אומרים לחלק יוצאת אז ס'גייט אויף די חלק פון לחלק יוצאת די מחלוקת גייט אוועק די כח פון חלק האש איז אחד מדליק את השני שבת צוזאמען מיט די כח פן אחדות, וואס שבת איז שקול כנגד כל התורה כולה, איינער וואס איז מקיים שבת איז אזוי ווי ער איז מקיים כל התורה כולה, איז צוזאמען די צוויי זאכן צוזאמען די אחדות מיט שבת קומען אויס אז סיי מ'איז מקיים כל התורה כולה און סיי ס'היט אפ די מענטש א גאנצע וואך.

מ'האט אמאל גערעדט אויף ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה, ויצא יעקב, אויף שבת שטייט אז כיון ששבת ווי אבדה נפש, לכאורה איז שווער ווייל ווי אבדה נפש דארף מען זאגן אויף מוצאי שבת, א שאד אז שבת איז אוועק געגאנגען, ווי קומט עס צו פרייטיג צו נאכטס ביי ושמרו כיון ששבת ווי אבדה נפש? ווען ס'קומט אריין שבת איז ווי אבדה נפש, ווי אבדה נפש דארף זיין מוצאי שבת.

די תירוץ איז זייער פשוט, ס'קומט אריין א שבת און מ'הייבט אָן פילן א טעם אין דאוונען, מ'זאגט א הודו, און שפעטער ביי קבלת שבת קומען אראפ אלע נשמות פון גן עדן מיטהאלטן די לכו נרננה, מ'פילט א אויסטערלישע טעם ווען ס'קומט צו ושמרו, און ווען מ'זאגט וינפש געבט דער איד א קרעכץ אוי ווי איז געווען די טעם א גאנצע וואך, ווי בין איך געווען א גאנצע וואך, ווי אזוי האב איך פארפאטשקעט די גאנצע וואך, ווען איינער קומט מיט אזא וויי, ווייי אבדה נפש, ויצא, ס'גייט ארויס א וויי פון די מענטש וואס ער איז א גאנצע וואך בבחינת יעקב, מבאר שבע, פון די באר פון די זיבעטע טאג, אזא באר, אזא לעכטיגע שבת, וילך חרנה דורכדעם וועט די קומענדיגע אכט טעג זיין ח' די קומענדיגע אכט טעג, רינה, וועט זיין א רינה, וועט מען שוין א גאנצע וואך דינען דעם אויבערשטען בשמחה ובטוב לבב, און ס'וועט אלעמאל גיין כראוי וכנכון.

מ'וועט מסיים זיין מיט די בחינה ויקהל משה את כל עדת בני ישראל מיט ששת ימים תיעשה כל מלאכה, שמירת שבת מיט אחדות וואס איינס איז גורם דעם צווייטן, און יעדע איינער פון זיי איז שקול כנגד כל התורה כולה, קומט אויס

אז ביידע איז א בחינה פון שתי שבתות וואס מיד נגאלין, די כח פון אחדות וואס בזכות אחדות נגאלין, און ס'איז שבת שקלים מ'איז מסמיך גאולה לגאולה, קומט אויס אז ס'ווערט נתעורר די בחינה פון שתי שבתות מיד נגאלין.

מ'זאגט ביי ברוך ה' לעולם וואס מ'זאגט ביי מעריב: כי הואיל ה' לעשות אתכם לו לעם, כי איז משתמש בארבע אנפין אי דילמא אלא דהא, דהא מיינט ווייל, הואיל איז אויך ווייל, כי איז משתמש בארבע אנפין און די לעצטע איז דהא וואס מיינט ווייל, הואיל דאס איז די לעצטע פון די פיר פשטים פון כי, טאקע ווייל אונז זעמיר די לעצטע אונז זענען דא ביי דור האחרון, און אונז מיטשען זך מיט אונזערע נסיונות, און אונז ברעכן עס דורך, אונז שטופן זיך צו טון וואס אונז האבן צו טון אפילו ס'קומט אָן שווער, און מ'ברעכט פון זיך מ'האקט פון זיך שטיקער, מיט דעם אלעם, כי הואיל, ווייל אונז זענען די לעצטע, טאקע מיט די פשט פון כי משתמש בארבע אנפין, און הואיל ווייל דאס איז די לעצטע פשט פון כי, וועגן דעם הואיל ה' לעשות אתכם לו לעם, אונז זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה באנפהא נהירין במהרה בימינו אמן.

מ'זאגט שבת צופרי ביי שיר היחוד: נפשי חמדה בצל ידיך לדעת כל רז סודיך. א צל וואס נענטער ס'איז צום אור אלטס גרעסער איז די צל. א איד זוכט משיג צו זיין אלקות וואס מער, וועט ער זעהן אז ער האלט אסאך אסאך ווייטער ס'איז דא אזויפיל מער משיג צו זיין, וואס א איד גייט נענטער צו די אור ה' איז אלטס מער נפשי חמדה בצל ידיך, ידיך איז די די יד פון א כלי, די הענטל וואס מ'כאכפט מיט דעם אָן די כלי. איז וואס מער מ'כאפט זיך אָן צום אויבערשטען, און מ'זוכט וואס מער קירבת אלקים לי טוב, סתם אזוי טאר מען זיך נישט באניצן מיט די אני מיט די ישות, אבער ווען די אני איז לצורך קירבת אלקים, לי, איז טאקע די ישות איז טוב, איז א גוטע ישות.

איז נפשי חמדה, מיין הארץ גלוסט צו זיין בצל ידיך, אז ס'זאל זיין בצל ה', ידיך, זיך אנצוכאפן וואס מער צו די קדושה, און וויבאלד ס'איז בצל ה', איז אזוי ווי די צל וואס נענטער ס'איז צו די אור איז די צל אסאך גרעסער, אזוי אויך כדי משיג צו זיין די גדלות ה' און משיג צו זיין השגות אין קדושה, איז אזוי ווי בצל ידיך לדעת כל רז סודיך. דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זוכה זיין לקבל

שבתות מתוך רוב שמחה ומתוך עושר וכבוד ומתוך מיעוט עוונות, מיר זאלן זוכה זיין זאל זיין די בחינה פון שתי שבתות מיד נגאלין במהרה בימינו אמן.